38 נאָכגעפאָלגט ישוען· און אויסדרייענדיק זיך און
זעענדיק זיי נאָכפאָלגען, האָט ישוע צו זיי
געזאָגט: וואָס באַגערט איר? האָבן זיי געזאָגט
צו אים: רבי (דאָס הייסט, לערער) וואו וואוינ־
39 סטו? זאָגט ער צו זיי: קומט און זעט· זענען
זיי דעריבער געקומען און האָבן געזען וואו ער
האָט געוואוינט; און זענען ביי אים פאַרבליבן
יענעם טאָג· עס איז געווען אַרום דער צענטער
40 שעה· איינער פון די צוויי, וואָס האָבן געהערט
יוחנן און האָבן אים נאָכגעפאָלגט, איז געווען
41 אַנדריי, דער ברודער פון שמעון פעטרוס· דער
דאָזיקער געפינט צוערשט זיין אייגענעם ברודער
שמעון און זאָגט צו אים: מיר האָבן געפונען דעם
42 משיח, (דאָס הייסט פאַרטייטשט, געזאַלבטער)· ער
האָט אים געבראַכט צו ישוען· ישוע האָט אַ בליק
געטון אויף אים און געזאָגט: דו ביסט שמעון בן
יונה; דו זאָלסט הייסן כיפא, (פאַרטייטשט אויף
יידיש, פעלזן)·
43 צומאָרגנס האָט ער געוואָלט אַרויסגיין קיין גליל,
און געפינט פיליפוסן; און ישוע זאָגט צו אים:
44 פאָלג מיר נאָך· און דער פיליפוס איז געווען פון
בית־צידה, פון דער שטאָט פון אַנדריי און פעטרוס·
45 פיליפוס געפינט נתנאלן און זאָגט צו אים: אים,
פון וועמען משה האָט געשריבן אין דער תורה, און
די נביאים, האָבן מיר געפונען, ישוע בן יוסף פון
46 נצרת· און נתנאל האָט צו אים געזאָגט: פון נצרת
קען דען זיין עפעס גוטס? זאָגט פיליפוס צו אים:
47 קום און זע· ישוע האָט געזען נתנאלן קומען צו
אים, און זאָגט וועגן אים: אָט איז אַן אמתער ישראל,
אין וועמען עס איז נישט פאַראַן קיין כיטרעקייט·
48 זאָגט נתנאל צו אים: פונוואַנען קענסטו מיך? האָט